# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:59
מוצאי שב"ק.....................9:30

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................איוב ל"ו-ל"ז
בבלי.......................יבמות פ"ב
ירושלמי..............שבועות י"ב
תוספתא................אהלות י"ב
רמב"ם.......................כלים ג'


פרשת בחקותי, כ"ז אייר, מברכים חודש סיון, אבות פרק ה', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 39 (554)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וְאִם מָךְ הוּא מֵעֶרְכֶּךָ, וְהֶעֱמִידוֹ לִפְנֵי הַכֹּהֵן, וְהֶעֱרִיךְ אֹתוֹ הַכֹּהֵן, עַל פִּי אֲשֶׁר תַּשִּׂיג יַד הַנֹּדֵר יַעֲרִיכֶנּוּ הַכֹּהֵן.** אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶענוּג צוּ בַּאצָאלְן זַיין אָפְּשַׁאצוּנְג אוּן זַיין וֶוערְד, דַארְף מֶען אִים שְׁטֶעלְן פַארְ'ן כֹּהֵן, אוּן דֶער כֹּהֵן וֶועט אָפְּשַׁאצְן וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ קֶען גֶעבְּן אוּן בַּאצָאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ק"ו), דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן אִיז דֶער וָואס הָאט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחֲמָנוּת, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז וֶוען מֶען קֶען גֶעבְּן שֵׂכֶל פַאר דֶעם אָרֶעמַאן, אִים אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע קֶען אַמָאל זַיין בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין, עֶר פַאלְט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, דַארְף עֶר זִיךְ אַלֵיין אַרַיינְגֶעבְּן שֵׂכֶל בִּיז זַיין מֹחַ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען, עֶר וֶועט הָאבְּן גַדְלוּת הַמּוֹחִין, אוּן וִויסְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן. אוּן דִי עֵצָה צוּצוּקוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵּק אַ צְוֵוייטְן, וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט יֶענֶעם, וֶוערְט מֶען אַלֵיין אוֹיךְ מְחוּזָּק. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים מ"א, ב') **"אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל, בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ ה'"**, **אַשְׁרֵי 'מַשְׂכִּיל' אֶל דָּל**, ווֹאוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֶעבְּט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַן אָרֶעמַאן, **בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ ה'**, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וֶועט הָאבְּן אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, עֶר וֶועט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ קַטְנוּת, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען.

דָאס קֶען מֶען זֶען בְּחוּשׁ אַז דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם פוּן אַן אָרֶעמַאן אִיז דָאס וָואס הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵייטֶע מֹחַ, עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז עֶר קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין וֶועג אַרוֹיס, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צ"ב.) **"בָּתַר עַנְיָא אָזְלָא עַנְיוּתָא"**, דִי אָרֶעמְקֵייט לוֹיפְט נָאךְ דֶעם אָרֶעמַאן, טַאקֶע דֶערְפַאר וַוייל עֶר לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אִין זַיין אָרֶעמְקֵייט אוּן אִין זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וֶוערְט אִים נָאךְ עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער. דָאס רֶעדְט מֶען פוּן אַן אָרֶעמַאן וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אוּן זִיכֶער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מ"א.) **"אֵין עָנִי אֶלָּא בְּדַעַת"**, אֵיינֶער וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן אוּן הָאט נִישְׁט דִי שֵׂכֶל אוּן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן דֶערְפוּן, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אוּן צְדָקָה אִים צוּ הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נָאךְ הֶעלְפְן אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט, עֶר זָאל זִיךְ נָאר נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן.

וֶוען מֶען גֶעבְּט גֶעלְט פַאר אַן אָרֶעמַאן, וואוּ לַאנְג קֶען עֶר לֶעבְּן דֶערְפוּן? עֶר וֶועט קֶענֶען עֶפֶּעס קוֹיפְן צוּ עֶסְן פַאר זַיין פַאמִילְיֶע, עֶר וֶועט הָאבְּן אַבִּיסְל גֶעלְט פַאר זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן, עֶס וֶועט אָבֶּער נִישְׁט נֶעמֶען צוּ לַאנְג בִּיז וֶוען דָאס גֶעלְט וֶועט זִיךְ אוֹיסְנוּצְן אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין ווִידֶער דַארְפְן צוּזַאמְנֶעמֶען צְדָקָה. וֶוען מֶען גֶעבְּט אָבֶּער שֵׂכֶל אוּן הִתְחַזְּקוּת פַאר אַ אִיד, קֶען דָאס טוֹישְׁן זַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן דֶערְפַאר אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, זִיךְ אַרוּמְצוּדְרֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וָואס בְּלוֹיז מִיט דֶעם אַלֵיין קֶען מֶען שׁוֹין רַאטֶעוֶועֶן אַ צְוֵוייטְן, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען רֶעדְט נָאךְ צוּ יֶענֶעם, מֶען גֶעבְּט אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן מֶען שְׁטַארְקְט אִים אוּן מֶען אִיז אִים מְחַזֵּק, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה.

וֶועט אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אָבֶּער ווּאוּנְדֶערְן אוּן פְרֶעגְן, "אִיךְ אַלֵיין בִּין דָאךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, קוּים וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן?!", דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, דֶער צַדִּיק הָאט דִי כּוֹחוֹת צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אִיד, וַוייזְן אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אִיד, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין דֶערְהַאלְטְן, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין יֶענֶעם, פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן שְׁטַארְקְן אַ צְוֵוייטְן.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵּז, **וְאִם מָךְ הוּא מֵעֶרְכֶּךָ**, אַז אַ אִיד אִיז אַזוֹי אָרֶעם אוּן צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז עֶר טְרַאכְט שׁוֹין אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, **וְהֶעֱמִידוֹ לִפְנֵי הַכֹּהֵן**, דַארְף מֶען אִים בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִּיק, **וְהֶעֱרִיךְ אֹתוֹ הַכֹּהֵן עַל פִּי אֲשֶׁר תַּשִּׂיג יַד הַנֹּדֵר יַעֲרִיכֶנּוּ הַכֹּהֵן**, דֶער צַדִּיק וֶועט טְרֶעפְן בַּיי יֶעדְן אִיד אַ נְקוּדָה טוֹבָה, פוּן דִי זַאכְן וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ בַּיי אִים, קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אוּן אוֹיךְ שְׁטַארְקְן אוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין יֶעדְן אִיד. (תּוֹךְ הַנַּחַל בְּחֻקּוֹתַי תשס"ח)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער אִיד

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער חָסִיד", דָאס בַּאדֵייט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת, אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר בְּלַייבְּט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹינְס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

וֶוען מִיר זֶעעֶן וִוי אַ שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ פְּרֶעגְלְט זִיךְ אוֹיפְ'ן פֵייעֶר, מֶען דְרֵייט עֶס אִיבֶּער פוּן אֵיין זַייט צוּם צְוֵוייטְן אַז עֶס זָאל זַיין גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן, טְרַאכְטְן מִיר נִישְׁט אַרַיין וִוי דָאס שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ פִילְט דָארְט אִין דִי הֵייסֶע אוֹיל, וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט עֶס צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעבְּרָאטְן פוּן אַלֶע זַייטְן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיךְ אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֵייסֶע אוֹיל, אוּן עֶר וֶוערְט גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָא כַּאפְּט עֶר אַ בְּרִי פוּן זִיךְ אַלֵיין, דָא כַּאפְּט עֶר אַ בְּרִי אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן אַ צָרָה בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, דָארְט וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעבְּרִיט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, דֶער


<<<<<<


# א גוט ווארט

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ וֶועסְט זַיין זוּמֶער מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חֲסִידִים; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶועט בַּאאֵיינְדְרוּקְט פוּן דִי אַרוּמִיגֶע.

קֶענְסְט זֶען ווּאוֹילֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נָאךְ אַ בְּרֶעקֶעלֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי גֵייעֶן אִין קָאנְטְרִי מִיט נִישְׁט אַ גוּטֶע סְבִיבָה, עֶס הָאט אַן הַשְׁפָּעָה אוֹיף זֵיי, בִּיז זֵיי פַארְלִירְן דָאס בְּרֶעקְל יִרְאַת שָׁמַיִם.

מִיר גֶעפוּנֶען (פְּסָחִים קיב:), רַבֵּינוּ הַקּוֹדֶשׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תָּדוּרוּ בְּשִׁכֻנְצִיב", זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין קַיין שְׁכֶנְצִיב וואוֹינֶען; דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען אַ קָאנְטְרִי וָואס הָאט גֶעהֵייסְן "קָאנְטְרִי שְׁכֶנְצִיב", וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּרָאבְּלֶעם דָארְט? זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען לֵצִים; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע מֶענְטְשְׁן וִוי רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ'ס קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעדַארְפְט בַּאוָוארֶענֶען מִיט וֶועם זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר תשפ"ב)




דער מולד וועט זיין: מאנטאג נאכמיטאג 4 מינוט און 2 חלקים נאך 6 | ראש חודש סיון יהיה ביום השלישי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַז דוּ בִּיזְט אָנְגֶעצוֹיגְן, מֶעגְסְטוּ נָאכְנִישְׁט שְׁרַייעֶן אִינְדֶערְהֵיים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' בְּהַר, ט"ז אִיָּיר, ל"א
לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט דִיר, דִי חֶסֶד חִנָּם אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט. דֶערְמַאן זִיךְ צוּרִיק, בִּיסְט גֶעוֶוען אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי, אַ בָּחוּר אַ רַחֲמָנוּת, הָאסְט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט וְכוּ'; יֶעצְט הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ טַייעֶרֶע פְּרוֹי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג) דִי צְוֵויי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד, נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנְט דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דִי בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען הֶעלְפְן; דָאס לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט נֶעמֶען אוּנְזֶער לֶעבְּן אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּ פְרֶעגְסְט מִיר טָאג אוּן נַאכְט וָואס נָאךְ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, מִיט וָואס נָאךְ דוּ קֶענְסְט מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן דִי אַרְבֶּעט; אַז דוּ ווִילְסְט מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן דִי אַרְבֶּעט – זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער נָאר רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּב, נָאר רֶעדְן וֵוייךְ אוּן אֵיידְל. דַיין וַוייבּ וֶועט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אִיר שְׁנֶעל, הוֹיךְ אוּן שַׁארְף. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, דוּ מֵיינְסְט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, דוּ רֶעדְסְט טַאקֶע רוֹב מָאל וֵוייךְ, שֵׁיין אוּן אֵיידְל, נָאר דִי פָּאר מָאל וָואס דוּ וֶוערְסְט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט רֶעדְסְטוּ שְׁנֶעל, הוֹיךְ אוּן שַׁארְף, זִי וֶוערְט פָּשׁוּט דֶערְשְׁרָאקְן דֶערְפוּן, קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶענְטְרִירְן וָואס דוּ זָאגְסְט, וֶוערְסְטוּ נָאךְ מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן, רֶעדְסְטוּ נָאךְ שְׁנֶעלֶער וְכוּ' וְכוּ'; זָאלְסְט מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן נָאךְ רֶעדְן וֵוייךְ, אֵיידְל אוּן שֵׁיין, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אוּן גְרִינְגֶער מַאכְן דִי אַרְבֶּעט.

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ, צוּ זָאגְן 'עֶס אִיז דָא צַייטְן וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן בַּיי דִי אַרְבֶּעט, דַארְף מַיין וַוייבּ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן'; וֶוער דַארְף דִי אַרְבֶּעט? וֶוער דַארְף דִי גֶעשֶׁעפְטְן? וֶוער דַארְף גֶעלְט? נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ רֶעדְן שְׁנֶעל, הוֹיךְ אוּן שַׁארְף.

מוֹהֲרָאשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט אוּנְז, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער רֶעדְט הוֹיךְ, עֶר שְׁרֵייט צוּ זַיין וַוייבּ, הָאט דֶער צַדִּיק אַפִּיר גֶענוּמֶען דֶעם אִיד אוּן דִי זַייט אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "אוֹיף אַ וַוייבּ שְׁרֵייט מֶען?! צוּ אַ וַוייבּ דַארְף מֶען רֶעדְן פּוּטֶערְדִיג, וֵוייךְ, שְׁטִיל, אֵיידְל אוּן שֵׁיין".

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין מִירוֹן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר תשפ"ב)

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ אִים. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט אִים דִי אַלֶע צָרוֹת, וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, עֶר וֶועט נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי לָבָן הָאֲרַמִּי אוּן עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט זַיינֶע שָׁאף, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע זֶענֶען "עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּטְלוּאִים" - דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן קְלֵיינֶע פְלֶעקְן, גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן, אָדֶער פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס אַזוֹי וִוי דִי פִּיס וָואלְטְן גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן.

יַעֲקֹב אָבִינוּ אַלֵיין אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶועריִקְייטְן אִין לֶעבְּן, וִוי גְרֶעסֶער אַ צַדִּיק אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶערֶע שְׁוֶועריִקְייטְן הָאט עֶר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן. קוֹדֶם הָאט יַעֲקֹב גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן וַוייל זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לָבָן הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ לַיידְן אַסַאךְ צָרוֹת פוּן אִים אוֹיךְ. דֶערִיבֶּער הָאט יַעֲקֹב גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אַז עֶר נֶעמְט דַוְקָא דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן דִי פְלֶעקְן, דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סַיי וֶוען עֶר הָאט קְלֵיינֶע פְלֶעקְן - קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, סַיי וֶוען עֶר הָאט גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן - גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט דִי פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן זַיינֶע פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מִיט-דֶעם-אַלֶעם גְלֵייבְּט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַז אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

### וֶוער שְׁלָאגְט?

אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז אַ טִיפֵּשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט אִים, אַ חָכָם וֵוייסְט אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, אוּן פוּן אִים דַארְף עֶר מוֹרָא הָאבְּן.

וֶוען עֶס קוּמֶען צָרוֹת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט רח"ל, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת אוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לוֹיפְן אִים נָאךְ, צִי סַיי וֶועלְכֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאר דוּרְךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט, נָאר אֵיינֶער הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אִיז עֶר זֵייעֶר נַארִישׁ, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ גֵיין צוּ דֶעם וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיט אִים, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס דִי סִיבָּה אִיז פַארְוָואס עֶר שְׁלָאגְט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶועריִקְייטְן אִיז זַיין עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת. דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי צָרוֹת דֶערְמַאנֶען אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דַאן גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

ווִידֶער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר מֵיינְט אַז דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען פוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁען, עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַזָל אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, דַאן וֶועט דֶער פְּרָאבְּלֶעם נָאר עֶרְגֶער וֶוערְן. חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ב') "הַמְבַעֵט בְּיִסוּרִין, כּוֹפְלִין אוֹתָם עָלָיו" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטוֹיסְט אִין דִי יִסוּרִין, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט פַאר אַ גוּטֶע סִיבָּה, דַאן וֶוערְן דִי יִסוּרִין נָאךְ גֶעטָאפְּלְט. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ כַּאפְּט אָבֶּער דֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט מִיט יִסוּרִים, עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, דַאן וֶועלְן דִי יִסוּרִים אוּן צָרוֹת אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק טְרָאץ זַיינֶע אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֵוייסְט אַז זַיין אֵיינְצִיגֶע אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ וֶוענְדְן אִיז נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ גְבוּרָה וְעֶרֶךְ יִסוּרִין)

# דִי לֶעבְּנסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קמא)

**תקטז**

מָאנְטָאג, ה' תִּשְׁרֵי, אִינְמִיטְן טָאג, אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן זַיין צִימֶער צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וואוּ עֶס זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעזֶעסְן עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ צוּגֶעזֶעצְט צוּ זֵיי אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי.

עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אֵיינֶעם צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיל מִיט אַ קְנוֹיט, עֶר זָאל קֶענֶען אָנְצִינְדֶען אַ לִיכְט פוּן שֶׁמֶן זַיִת. יֶענֶער הָאט עֶס גְלַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אַלֵיין צוּגֶעגְרֵייט דֶעם לִיכְט אוּן עֶס אָנְגֶעצִינְדֶען. [דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַזוֹי טוּן אַסַאךְ מָאל, אַז עֶר הָאט פְלוּצְלִינְג אָנְגֶעצִינְדֶען אַ לִיכְט פוּן שֶׁמֶן זַיִת. מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי אִיז מִיט דֶעם מַמְתִּיק דִינִים].

גְלַייךְ נָאכְ'ן אָנְצִינְדֶען דִי לִיכְט, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אוֹיפְ'ן טִישׁ, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת, אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט גְרוֹיס בְּרֶען. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ סְלִיחוֹת, עֶר הָאט עֶס גֶעעֶפְנְט אוּן הָאט גֶעזָאגְט אַבִּיסְל פוּן אַ סְלִיחָה פוּן יוֹם כִּיפּוּר, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין פָארְנְט פוּן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן דָארְט, אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנוֹם, אַז דֶער גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנוֹם גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן פוּן אֵיין זַאךְ צוּם צְוֵוייטְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "חוֹתָם בְּתוֹךְ חוֹתָם" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ב).

דִי תּוֹרָה זָאגְן הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פַאר אוּמְגֶעפֶער פִיר שָׁעָה, אִין אִינְמִיטְן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין גַאס אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט יֶעצְט תּוֹרָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע רַעשׁ פוּן דֶעם, דִי גֶעשֶׁעפְטְסְלַייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אַלֶע צוּגֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זֶענֶען גְלַייךְ גֶעלָאפְן אִין שׁוּל צוּ הֶערְן דִי תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

<<<<<< נייעס

אויסגעפרעגט די קינדער וואס האבן דערציילט גאר שיינע מעשיות פון תפלה וואס זיי האבן געהאט, און דער ראש ישיבה האט דערציילט שיינע מעשיות פון הייליגן רבי'ן. פרעגנדיג א קינד ווי אזוי רבי שמעון בר יוחאי האט געהאט צו עסן און טרינקען אין די מערה, האט דאס קינד געענטפערט אז ער האט געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ס'האט ארויסגעוואקסן א בוים פון באקסער און א קוואל וואסער, דער ראש ישיבה האט דאן ארויסגעברענגט פאר די ארומיגע, "דאס איז ווי אזוי מען לערנט אין היכל הקודש, נישט סתם אז ס'איז געשען א נס, נאר מען האט געבעטן דעם אייבערשטן און אזוי איז מען געהאלפן געווארן, און דאס איז וואס מיר קענען אויך נאכמאכן, בעטן דעם אייבערשטן אלעס וואס מען דארף, און דער אייבערשטער וועט אונז העלפן".

אין לויף פונעם טאג איז דער ראש ישיבה געזעסן אין בית המדרש און אויפגענומען אנשי שלומינו וואס זענען זיך געקומען דורכרעדן, און פארנאכטס האט דער ראש ישיבה שליט"א ווידער געגעבן א שיעור התחזקות, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט נאך א סיום הש"ס, דאס מאל פון הבחור שמואל אייזיק פערל נ"ו, א זון פונעם חשובן גבאי פון בית המדרש מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו, מען האט געזינגען און זיך געפריידט צום סיום, און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט א לענגערע צייט, אויסשמועסנדיג פילע שיינע ענינים וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז. נאך מעריב האט דער ראש ישיבה זיך ארויסגעלאזט צום לופטפעלד, אויפ'ן צוריק קיין ניו יארק.

אלע שיעורים און שמועסן אין ירושלים עיה"ק קען מען הערן אויפ'ן טעלעפאן ליין "קול ברסלב", זעט די נומערן ביים סוף פונעם גליון.

דער באזוך וועט זיכער געדענקט ווערן פאר א לאנגע צייט, אנשי שלומינו אין ארץ ישראל האבן זיך אנגעשעפט מיט פרישע כוחות צו ווייטער לעבן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, און זיי ווייטער מפיץ זיין צווישן כלל ישראל.

**זיכה רבים וזכה, אדונינו בר יוחאי!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי בַּאקוּם אִיךְ צוּרִיק דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וִוי אַמָאל?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

זַייט אִיךְ בִּין גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הָאט אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אוּן מִיר לֶעבְּן בָּרוּךְ ה' מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר לֶעבְּן מִיט אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִין דִי עֶרְשְׁטֶע תְּקוּפָה וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי נִיגוּנִים הָאבּ אִיךְ מַמָשׁ גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ גֶעפִילְט בְּחוּשׁ אַז אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן אוֹיבְן, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נְפִילוֹת יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, אִיךְ וֶוער בְּרוֹגֶז אוֹיף פָּשׁוּטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ פִיל אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן. אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען חִיזוּק אוֹיף דִי נוֹשֵׂא, אוּן נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן יֶעדֶעס יָאר מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן דֶערְבֵּיי דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט. אֵיין יָאר בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אַ אִיד דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער פוּן שְׁטָאט, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶעזְרִיטְשְׁן מַגִיד: "רֶבִּי, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן וָואס הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זי"ע אִים גֶעזָאגְט: "דוּ הָאסְט גֶעוֵויינְט בַּיים דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס דַיין פַּרְנָסָה אִיז צוּ זַיין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אַ גַאנְצְן טָאג שְׁלֶעפְּסְטוּ וַואסֶער אוּן וֶוען דוּ רוּעֶסְט זִיךְ אָפּ דֶעמָאלְט כַאפְּסְטוּ אַרַיין אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, דָאס יָאר וִוילְסְטוּ זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען מִיט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרִינְגֶערְהֵייט", וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זַיין פָּנִים אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, עֶר רוּפְט זִיךְ צוּם מֶעזְרִיטְשְׁן מַגִיד: "טַאקֶע דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן", אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיט נֵייגֶערִיגְקֵייט וָואס מֶען הָאט אִים לְמַעֲשֶׂה אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן דִיר", פְרֶעגְט דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁלֶעכְט גֶעבֶּעטְן, פַארְוָואס הָאט מֶען פוּן מִיר גֶעלַאכְט?" זָאגְט אִים דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד אַזוֹי: "אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין שׁוּל וָואס דַארְף מֶען דִיר הָאבְּן... דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בִּילְיָאנֶען מַלְאָכִים וָואס דִינֶען אִים אָן זִיךְ מוּטְשֶׁען אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן אָן קַיין יֵצֶר הָרָע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דַוְקָא הֶערְן דַיינֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס אִינְמִיטְן דַיין אַרְבֶּעט, עֶר וִויל הֶערְן וִוי דוּ לוֹיבְּסְט אִים וֶוען עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער".

מִיר זָאגְן יוֹם כִּיפּוּר בַּיים דַאוֶוענֶען: "וְאָבִיתָ תְּהִלָּה מִגּוּשֵׁי עָפָר, מִקְּרוּצֵי חֹמֶר (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד', אוֹת ט)", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דַוְקָא אוּנְזֶער לוֹיבּ; אִין הִימְל זֶענֶען דָא מַלְאָכִים, שְׂרָפִים, חַיוֹת וְאוֹפַנֵּי הַקוֹדֶשׁ וָואס גֵייעֶן אוּן שְׁטֵייעֶן אוּן פַאלְן נִישְׁט אַרָאפּ, דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶער וֶועלְט וַוייל עֶר וִויל הָאבְּן אַ נַחַת רוּחַ פוּן אוּנְז מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן, פַאלְן אוּן הֵייבְּן זִיךְ אוֹיף.

דֶערִיבֶּער זָאל אַייךְ נִישְׁט וֵויי טוּן אַז אִיר הָאט נְפִילוֹת, דָאס אִיז נָאר גֶעמַאכְט אַייךְ צוּ מְקָרֵב זַיין אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן פְלוּצְלִינְג אַ יְרִידָה, זֵיי שְׁפִּירְן וִוי זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר בְּרֶען אוּן חֵשֶׁק וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ'; מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

# פַאל נִישְׁט אַרָאפּ

בְּנִי, אִם יְפַתּוּךָ חַטָּאִים, מַיין זוּן, אוֹיבּ זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דִיךְ אִיבֶּערְרֶעדְן צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס, אַל תֹּבֵא, זָאלְסְטוּ זַיי נִישְׁט נָאכְגֵיין (מִשְׁלֵי א, י).

רַשִׁ"י טַייטְשְׁט "חַטָּאִים, חוֹטְאִים" - זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס הַקְדָמוֹת קֶען מֶען זָאגְן פְּשַׁט "חַטָּאִים" - דָאס זֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת אַלֵיינְס; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט "אִם יְפַתּוּךָ חַטָּאִים", אוֹיבּ וֶועלְן דַיינֶע עֲבֵירוֹת דִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, "אַל תֹּבֵא", זָאלְסְטוּ זַיי נִישְׁט נָאכְגֵיין, וַוייל עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה טוּן, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, עֶר הָאט גֶעטוּן אַסַאךְ זִינְד – קֶען עֶר נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנג): "אָט וִוי אִיר זֶעט מִיר, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵרָה, וָואלְט דָאס מִיר גָארְנִישְׁט אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן, אִיךְ וָואלְט נָאךְ דֶעם גֶעוֶוען אַזוֹי אַיין עֶרְלִיכֶער יוּד וִוי פְרִיעֶר, דֶער נָאךְ וָואלְט אִיךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן"; דָאס בֶּעט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "בְּנִי", מַיין קִינְד, "אִם יְפַתּוּךָ חַטָּאִים", אַז דַיינֶע זִינְד וֶועלְן דִיר אַיינְרֶעדְן 'דוּ בִּיסְט שׁוֹין סֵיי וִוי דֶערְנָאךְ', אַזוֹי וִוי אַחֵר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט (חֲגִיגָה טו.): "הוֹאִיל וְאִיטְרִיד הַהוּא גַבְרָא מֵהַהוּא עָלְמָא", וִויבַּאלְד אִיז בִּין שׁוֹין סֵיי וִוי דֶערְנָאךְ, "לֵיפּוּק לִיתְהֲנֵי בְּהַאי עָלְמָא", לָאז מִיךְ נָאכְגֵיין דִי גְלוּסְטֶענִישְׁן פוּן מַיין הַארְץ אוּן טוּן עֲבֵירוֹת, "אַל תֹּבֵא", זָאלְסְט נִישְׁט אַזוֹי זָאגְן, דוּ קֶענְסְט אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן, צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קְדוֹשִׁים תשפ"ב)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **עזרא בוים** הי"ו
צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב
מו"ה **משה בוים** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **אליעזר אדלשטיין** הי"ו

***

מו"ה **ישראל שלום זעליקאוויטש** הי"ו
צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב
מו"ה **אברהם אלי'** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו

***

החתן מו"ה **ליפא לעווי** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **יצחק אייזיק ראטה** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון **עמרם** נ"י למזל טוב

***

מו"ה **ברוך נוסבוים** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון **יעקב נחמן** נ"י למז"ט

***

מו"ה **אלי' קנאלל** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **מאיר ריינִיץ** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# גייסטרייכע באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל

די באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין ארץ ישראל פארגאנגענע וואך, האט איבערגעלאזט גאר א גוטע רושם אויף די ארטיגע אנשי שלומינו, וועלכע האבן זיך מחי' און מחזק געווען, און גענאסן פרישע כוחות ווייטער אנצוגיין מיט עבודת ה', ביתר שאת ויתר עז.

דינסטאג נאכט פרשת בהר (אין א"י בחקותי) איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין ארץ ישראל, ער איז גלייך צוגעפארן פון לופטפעלד קיין מירון, וואו ער האט אפגעראכטן דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר מיט זיין טאטע הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א. במשך די צייט וואס דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען אין מירון, האט ער געהאלטן אינפארמירט אנשי שלומינו איבער אלע אנטוויקלונגען, דורך די טעגליכע בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט פאר'ן עולם. ער האט ארויסגעברענגט ווי ער האט אויסגעבעטן גאר אסאך ביים ציון הקדוש פון התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי, די געהויבענע געפילן וואס מען שפירט אין דעם הייליגן פלאץ אין אזא הייליגער טאג, ער האט אויסגעזאגט גאנץ תהלים ביי די מערה, און אויסגעבעטן ישועות פאר אידישע קינדער, און גלייכצייטיג די געוואלדיגע שמחה וואס הערשט אויפ'ן ארט, ווי מען האט זיך געפריידט און געטאנצן בהילולא דבר יוחאי, מיט א געוואלדיגע אחדות, אלע סארט אידן האבן געטאנצן אינאיינעם אין זיך געפריידט מיט גאר א גרויסע שמחה.

אויף שבת קודש האט דער ראש ישיבה שליט"א געוויילט אין מירון ביי זיין טאטן שליט"א, ביי די סעודה שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה'ס טאטע אים מכבד געווען צו רעדן, און דער ראש ישיבה שליט"א האט שיין ארומגערעדט אויף דעם וואס חז"ל זאגן "הרבה עשו כרבי שמעון ולא עלתה בידם", אז מען וויל טון אסאך אזוי רבי שמעון, איז מען נישט מצליח, מען דארף אנהויבן מיט קליינע גוטע זאכן וואס מען קען אריינכאפן, און אזוי צוביסלעך זיך שטארקן ווייטער און ווייטער, און דאן קען מען אנקומען צו די העכסטע און שענסטע מדריגות. אויך האט ער ארומגערעדט פון דעם מנהג צו שיסן מיט א פייל און בויגן אום ל"ג בעומר, וואס מען קען ארויסלערנען דערפון לעובדא ולמעשה, ווי אזוי זיך מחזק צו זיין און אנגיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות, אויף עטליכע שיינע אופנים.

מוצאי שב"ק איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבערגעפארן קיין יבנאל, וואו ער האט זיך משתתף געווען ביים סעודת מלוה מלכה און שבע ברכות פאר החתן משה בוים הי"ו, וואס איז פארגעקומען אין שטוב פונעם זיידן הרה"ג ר' יצחק לעזער שליט"א. דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט אפאר ווערטער איבער די יום הולדת פון מוהרא"ש זי"ע, וואס איז אויסגעפאלן יענע נאכט, כ"א אייר, די ספירה פון "חסד שביסוד", וואס דאס איז געווען די ארבעט פון מוהרא"ש צו זוכן די חסדים פונעם אייבערשטן אפילו פאר מענטשן וואס זענען שוין אראפגעפאלן, ווייזן פאר יעדן אָן אויסנאם אז ער האט אויך א וועג צום אייבערשטן.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א ארויף צום ציון הקדוש פון מוהרא"ש, וואו עס האט זיך אויך דאן געפונען הרה"ג ר' נחמן שיק שליט"א, און דארט געזאגט תהלים און זיך אויסגעבעטן בדבר ישועה ורחמים פאר א לענגערע צייט.

אין די פריע פארטאגס שעה'ן איז דער ראש ישיבה שליט"א צוריק געפארן קיין מירון, וואו ער האט געדאווענט שחרית כוותיקין, און שפעטער אין טאג זיך ארויסגעלאזט צו קברי צדיקים אין טבריה און אין די אומגעגענט, וואו מען האט זיך אויסגעבעטן און אויסגע'פועל'ט אלעס גוטס.

פון דארט איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין ירושלים עיה"ק, וואו די ארטיגע אנשי שלומינו האבן שוין קוים געקענט אויסווארטן צו טרעפן דעם ראש ישיבה. דער בית המדרש "היכל הקודש" אין ירושלים איז געווען איבערגעפולט עד אפס מקום, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן זיין דרשה. דער עולם האט געשלינגען מיט דארשט די טייערע פערל ווערטער, אזויפיל שכל צום לעבן, אז מען זאל נאר אויסהערן און פאלגן די איינע דרשה, וועט מען מצליח זיין א גאנץ לעבן אין אלע הינזיכטן.

ביים סוף פונעם שיעור איז פארגעקומען צוויי סיומי הש"ס, הבחור דוד שמעון לעווינסאן נ"ו און א אינגל יהודה ברילל נ"י, וואס האבן ביידע זוכה געווען מסיים צו זיין גאנץ ש"ס אויפ'ן סדר דרך הלימוד. דערנאך האט גערעדט עטליכע ווערטער דער טאטע פונעם אינגל המסיים מו"ה מרדכי ברילל הי"ו, ער האט ארויסגעברענגט זיינע הרגשים ווי אזוי די עצות פון הייליגן רבי'ן וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט מיט אונז האט אויפגעלעבט זיין גאנצע שטוב, אריינגעברענגט התמדת התורה אין די קינדער, און נאך פיל גוטס. נאכ'ן שיעור איז פארגעקומען אן התחלת כתיבת ספר תורה, פאר א פרישע ספר תורה וואס מען הויבט יעצט אן שרייבן פאר די קהלה.

אין די שפעטע נאכט שעה'ן איז דער ראש ישיבה געזעסן מיט די גבאים פון היכל הקודש ירושלים און איבערגעגאנגען וויכטיגע דעטאלן וואס זענען נוגע פאר די קהלה, דעם בית המדרש, און די מוסדות. און דערנאך ווייטער געשריבן נאך בריוו און ענטפערס פאר אנשי שלומינו.

מאנטאג אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט שחרית אין בית המדרש היכל הקודש אין ירושלים, נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען נאך א סיום הש"ס, דורך הבחור שמואל פאלאק נ"ו, דער ראש ישיבה האט גערעדט ביים סיום שיינע דברי התחזקות.

פארמיטאג איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן די קינדער אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים, ער האט

<<<<<<

## שכל צום לעבן

מיט אביסל שכל קען מען זיך איינשפארן אזויפיל צרות און שוועריקייטן. הערט אביסל שכל ווי אזוי מצליח צו זיין אין לעבן.

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 18**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הפצת הגליון במאנסי נתנדב ע"י מו"ה אלי' קנאלל הי"ו, לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב

< BreslevCenter.com >